# מיכאל פֿעלסענבאום

# אינגריד שטאַרק

## אַן אינטערוויו וועגן "שבתדיקע שוועבעלעך"

אש: מע זאָגט אַז דער פּייסאַזש איז נישט פֿאַרשפּרייט אין דער ייִדישער ליטעראַטור. איז דאָס דער אמת?

מפֿ : די געשיכטע פֿון באַשרײַבן, אויסמאָלן און אַרײַנטראָגן די עלעמענטן פֿון פּייסאַזש, פֿון לאַנדשאַפֿט אין דער ייִדישער ליטעראַטור איז זייער אַ לאַנגע. זי האָט צוויי פֿאַרשידענע ריכטונגען, צוויי וואָרצלען: 1. דער תנ"ך, מיט זײַנע פּילצאָליקע באַשרײַבונגען, זייער קורצע, לאַקאָנישע, פּאָעטישע, פֿון די וויסטענישן, פֿון דער נאַטור, ווי אויך שפּעטער אינעם שיר השירים, דעם געזאַנג פֿון די געזאַנגען, וואָס לויט דער ייִדישער טראַדיציִע יעדער רעליגיעזער ייִד האָט געלערנט יעדן פֿרײַטיק נאָך מיטאָג. 2. די ווירקונג פֿון דער אַבסאָרבאַציע אין דער אייראָפּעיִשער געזעלשאַפֿט אין פֿאַרשידענע לענדער, אין פֿראַנקרײַך, אין דײַטשלאַנד, אין עסטרײַך, און שפּעטער אין די סלאַווישע לענדער. די באַשרײַבונגען פֿון לאַנדשאַפֿט זײַנען געוואָרן אַן אָרגאַנישער עלעמענט אין דער ייִדישער ליטעראַטור אויף ייִדיש שוין אין פֿריִען מיטל-עלטער.

אש: מיר וועלן רעדן וועגן סוזשעט פֿון ראָמאַן. ווער איז משפּיע געווען אויף דײַן ווערק, ווער און וואָס איז געווען וויכטיק? דו האָסט דערמאָנט מילאָראַד פּאַוויץ.

מפֿ: מילאָראַד פּאַוויץ איז איינער פֿון זיי. דער סוזשעט איז אַן איינפֿאַכער. אַזוי ווי איך האָב שטודירט אַ סך יאָרן סײַ ליטעראַטור און סײַ טעאַטער, אַלגעמיינע געשיכטע און טעאָריעס פֿון טעאַטער, איז מײַן צוגאַנג – ווי איך פֿאַרשטיי אַצינד – געווען גאַנץ אַ טעאַטראַלער. דאָס באַטײַט אַז מע נעמט אַ שוישפּילער און מע שטעלט אים אין באַזונדערע באַדינגונגען און יעדער שוישפּילער האָט זײַן נשמה, זײַנע געדאַנקען; מיר זעען ווי ער, דער שוישפּילער, פּאַסט זיך צו צו דער אָדער אַנדערער סיטואַציע, אין די אָדער אַנדערע באַדינגונגען. איך האָב איבערגעלייענט אַן

אינטערעסאַנטן בוך, אַ וויסנשאַפֿטלעך-פּאָפּוליסטישן, פֿון **יעקב** שאַפּיראָ; דער בוך איז דערשינען אין יאָר 1947 אין ישראל און הייסט: „בשבילי גאולה", אויף די סטעשקעס, אויף די וועגן פֿון דער גאולה, פֿון דערלייזונג, אויסלייזונג. דאָרט ברענגט ער צוויי קאַבאַליסטישע געדאַנקען: 1. די משיחישע באַוועגונג איז געווען טיף באַזירט אויף פֿאַרבאָרגענעם וויסן, אַזוי ווי עס שטייט געשריבן אַז אַלע געשעענישן אויף דער וועלט האָבן צוויי זײַטן: אַ) איינע, וואָס זעט יעדער איינער וואָס האָט אויגן, ב) די צווייטע, פֿאַרבאָרגענע, באַהאַלטענע, וואָס זעען נאָר זעלטענע מענטשן, איבערהויפּט צדיקים און מלאכים. 2. גאָט וועט נאָך אַ מאָל שיקן אַ מבול אויף דער וועלט, אָבער נישט צו פֿאַרניכטן זי, נאָר אָפּצורייניקן דעם שמוץ און מתקן זײַן דאָס וואָס איז קאַליע געוואָרן אינעם מעכאַניזם פֿון דער וועלט, אין דער מענטשהייט. איז מיר זייער געפֿעלן געוואָרן דער געדאַנק מיטן מבול, מיטן צווייטן מבול, און דער טעאַטראַלער צוגאַנג, נעמען פֿאַרשידענע מענטשן און זיי שטעלן אויף איין בינע און זעען וואָס קומט אַרויס מיט די פֿאַרשידענע מענטשן, מיט פֿאַרשידענע כאַראַקטערס, אין לאָמיר זאָגן זייער אַן עקסטרעמער סיטואַציע, סײַ ווען מיר רעדן וועגן נאַטור, סײַ ווען מיר רעדן וועגן עטיק; און עקסטרעמער סײַ ווען מיר רעדן וועגן אַ קרומען געריכט, אַ נישט קיין רעכטיקן געריכט: וואָס פֿאַר אַ השפּעה קען האָבן אַ געשעעניש וואָס איז געשען מיט 50, מיט 100 יאָר צוריק; ווײַל מיר פֿאַרגעסן אין גיכן וואָס מיר האָבן געגעסן נעכטן, נישט נאָר דאָס וואָס איז געשען מיט 50 יאָר צוריק! דאָס האָב איך געטאָן. קודם-כל האָב איך אָנגעשיקט אַ מבול, אַזוי ווי ייִדישע געלערנטע האָבן געזאָגט אַז סע קען זײַן נאָך אַ מבול, האָב איך געזאָגט: «פֿאַר וואָס ניין? אָט האָט איר אַ מבול! » און עקסטרעמע סיטואַציעס, ווען מע קען נישט אַרײַנגיין, נישט אַרויסגיין פֿון דער שול, וווּ סע זיצן 12 ייִדן און ייִדענעס און אַ שבת-גוי, און צווישן זיי דרייט זיך אַרום דער מלאך מיכאל. דאָס איז אינעווייניק. און פֿון אויסן האָבן מיר די וועלט, אַזוי ווי דו האָסט געזאָגט, נישט ברייט נאַציאָנאַלע, אָבער אַן אַנדער וועלט, די קריסטלעכע וועלט, דעם פֿאַסטעך בֿענעדיקט מיט זײַן טאָכטער קאַטאַרינע. און אויך דאָס איבער-איבער-נאַטירלעכע, וואָס מיר קענען עס נאָר פֿון די אויסגראָבונגען, פֿאַרשידענע דינאָזאַווערס שמינאָזאַווערס, ריזיקע פֿויגלען און אַזוי ווײַטער. אָבער זיי עקסיסטירן אויך אין די מדרשים, צוויי פֿון זיי עקסיסטירן אויך אין די טראַדיציאָנעלע

ייִדישע ביכער, אין תנ״ך, לוויתן עקסיסטירט אין ספֿר איובֿ וואָס האָט אײַנגעשלונגען ... און אין די קאָמענטאַרן זעען מיר אַז וואָס איז דאָס פֿאַר אַ חיה: אין מדרשים שטייט אויך געשריבן ווי גאָט האָט באַשאַפֿן דעם לוויתן, ווי גאָט האָט באַשאַפֿן דעם שור-הבר, און ס'זײַנען דאָ אויך זעלטענע, נישט קיין סך, דערמאָנונגען וועגן דעם פֿויגל זיז וואָס זײַן נאָמען פֿיגורירט אין תהילים: לויט דער טראַדיציע, ווען משיח וועט קומען, וועלן די צדיקים מאַכן אַ סעודה פֿון די דרײַ לעגענדאַרע חיות : מיר וועלן האָבן פֿויגל, אַן עוף, מיר וועלן האָבן אַ פֿיש און מיר וועלן האָבן פֿלייש פֿון שור-הבר, די אַלע דרײַ זאַכן. איז דאָס איז דער אויסער פּלאַן. אינעווייניק זײַנען די צדיקים מיט רבי אָשר אויערבאַך, מיט דער רביצין, מיט די 12 צדיקים.

אש: א צאָל וואָס מע געפֿינט אין די מעשׂיות.

מפֿ: דאָס איז טראַדיצאָנעל. אומעטום איז דאָס טראַדיציאָנעל; אַפֿילו ווען ערשטע קריסטן האָבן זיך אָפּגעטיילט פֿון דער ייִדישער רעליגיע, האָבן זיי אויך אויסגעקליבן די צאָל 12, 12 אַפּאָסטאָלן.

אש: צי געפֿינט מען די צאָל ערגעצוו אַנדערש, פֿאַר דעם?

מפֿ: יאָ, די 12 ייִדישע שבטים. ס'פֿאַרשטייט זיך אַז אין קריסטנטום איז דאָס אַרײַן פֿון תנ״ך : 12 ייִדישע שבטים און יעדער איינער פֿון זיי איז אַ שבֿט פֿאַר זיך אַליין, אַ מענטש פֿאַר זיך אַליין, אַ משפּחה פֿאַר זיך אַליין. און שפּעטער פֿון די 12 משפּחות זעען מיר אַ פֿאָלק. דאָס זעלבע זעען מיר דאָ, 12 פֿאַרשידענע מענטשן, 12 פֿאַרשידענע כאַראַקטערן.

אש: דו זאָגסט אַז דו האָסט געהאַט אַ צוגאַנג פֿון טעאַטער. פֿאַר וואָס איז דאָס נישט געוואָרן קיין פּיעסע?

מפֿ: איך מיין, אַז מע לייענט עס גוט, זעט מען אַז דאָרט איז דאָ אַזוי פֿיל דיִאַלאָגן, טעאַטראַליזירטע, נישט-טעאַטראַליזירטע; דער טעאַטער-צוגאַנג איז אַ קלאָרער: מע זעט די צאָל דיִאַלאָגן, אָן קאָמענטאַרן, אפֿשר מיט אַ רעפּליק « ער איז אויפֿגעשטאַנען » צי « ער האָט זיך אַוועקגעזעצט », « ער האָט אַ שויבער געטאָן זײַנע האָר », עפּעס אַזוינע קליינע רעפּליקעס, און דער עיקר זײַנען די

דיִאַלאָגן, גרויסע דיִאַלאָגן ; דאָס איז אויך אַ טעאַטער-צוגאַנג צו פּראָזע. אָבער דאָס איז השפּעה פֿון ערנעסט העמינגווײ, פֿון זײַנע ווערק, ווו מיר האָבן די לאַנגע דיִאַלאָגן מיט זייער אַ קורצער רעפּליק : « מיסטער שמיט איז אויפֿגעשטאַנען », « פֿרוי אַזאַ און

אַזאַ איז אַרויס אין דרויסן ». איך האָב זיך געלערנט בײַ אים און איך האָב געפֿילט אַז דאָס איז מײַן אינעווייניקסטער צוגאַנג, ווײַל אַלץ וואָס איך טו, אַפֿילו אין דיכטונג אויך, האָט זייער אַ גרויסע השפּעה פֿון דראַמאַטורגיע.

אש: מיר האָבן באַמערקט אַז דער ראָמאַן איז עפּעס זייער טעאַטראַליש. די פֿראַגע איז אַזוי: פֿאַר וואָס האָסטו נישט געשריבן קיין פּיעסע?

מפּ: איך וויל שרײַבן אַ סצענאַריום פֿאַר אַ פֿילם פֿאַר האָליוווּד. אז זיי וועלן עס באַשטעלן בײַ מיר וועט זײַן גוט!

אש: דו וואָלסט דאָך געקענט שרײַבן אַ פּיעסע. פֿאַר וואָס נישט? וואָס איז דער אונטערשיד?

מפּ : דער אונטערשיד איז אַ גרויסער. איך גלייב נישט אַז הײַנט צו טאָג, מיט מײַנע כּוחות, מיט מײַן דערפֿאַרונג, וואָלט איך געקענט אָנשרײַבן אַ פּיעסע, ווײַל מיר האָבן דאָ אַ תּקופֿה פֿון אַריבער 2000 יאָר און אַזוי פֿיל העלדן, אָנהייבנדיק מיט ולאַד צעפּעך אינעם פּעריאָד פֿון 15טן יאָרהונדערט. מיר האָבן דאָ טוניסיע מיט אינדזל זשערבאַ: דאָס איז דער ערשטער יאָרהונדערט. מיר האָבן פּעריאָדן פֿון עסטרײַכיש-אונגערישער אימפּעריע, פֿון כּאַזאַרישער אימפּעריע, פֿון קאָרדאָווע אין שפּאַניע. איך בין נאָך נישט גרייט אָנצושרײַבן אַ פּיעסע וואָס וואָלט געקענט אַרײַננעמען אין זיך דאָס אַלץ. אַזאַ כּוח, אַזאַ שטאַרקן גלויבן אין זײַנע כּוחות זעען מיר נאָר בײַ געטע ; איך זע נישט בײַ אַנדערע שרײַבער אויף דער וועלט. איך ווייס נישט ווער האָט געהאַט כּוחות צונויפֿשטעלן צוויי וועגט. מע דאַרף זײַן אַ גאָון, אַזוי ווי געטע.

אש: דו מיינסט אין פֿויסט?

מפּ: יאָ, אין פֿויסט. דאָס איז אַ ריזיק ווערק. איך בין נישט גרייט נאָך צו דעם. צי שרײַבן אַ סצענאַריום פֿאַר אַ פֿילם איז גרינגער.

אָבער איך האָב שוין אָנגעשריבן אַזוי פֿיל סצענאַריען וואָס זיי ליגן בײַ מיר אין שופֿלאָד. איך גלויב נישט אַז עמעצער וועט זיי לייענען און ס׳איז נישט אַרויס גאָרנישט.

אש : אויב דו ווייסט אַז אין בּאַסעל איז דאָ זייער אַ באַוווסטער פֿילם-רעזשיסער, ארטור קאָהן?

מפּ : ווי קומט די קאַץ איבערן וואַסער? ער איז אין בּאַסעל און איך בין אין ראַמלע ! מיר קערן זיך אום צו שוועבעלעך. דער טעאַטער-צוגאַנג איז קלאָר. קומט אַ דראַמאַטורג, קומט אַ רעזשיסער אין אַ טעאַטער-שול און זאָגט : «קינדערלעך, אַט שטעלט זיך פֿאָר אַז איר זענט, איר, חיים, בּוידעם, קלאָץ, איך ווייס נישט וואָס! איר זענט אַ סטודענט: שטעלט זיך פֿאָר אַז איר זענט רבי אָשר און איר געפֿינט זיך אין אַזאַ און אַזאַ מצבֿ, וואָס טוט איר? איך וויל זען! «דאָס איז אַן עלעמענטאַרער צוגאַנג אויף אויסצולערנען די סטודענטן צו ווערן אַ שוישפּילער; אין דער שול וואָס איך האָב געלערנט, אין דער קלאַסישער רוסישער שול, סטאַניסלאַווסקי סיסטעם, דאָס איז געווען דאָס ערשטע וואָס מע האָט שטודירט. און געלערנט אויף פּראַקטיק ווי אַזוי איך, מיכאל פֿעלסענבאַום, וואָלט זיך אויפֿגעפֿירט ווען איך וואָלט געווען אין אַזאַ און אַזאַ מצבֿ. דאָס רעד איך וועגן שוישפּילער און וועגן איין פּערסאָנאַזש. אויב אַ שרײַבער איז מער ווי איין פּערסאָנאַזש. א שרײַבער איז ער אַליין, פּלוס די אַלע, איך מיין, אַרום הונדערט פּערסאָנאַזשן וואָס איך האָב דאָרט בײַ זיך אין מײַן ראָמאַן. אז איך האָב אָנגעשריבן סײַ די פּיעסע, סײַ אויסגעקליבן די שוישפּילער, אַליין עס רעזשיסירט, און צום סוף, ווען די אַלע שוישפּילער זײַנען נישט געקומען צו דער פּרעמיערע, האָב איך אַליין געשפּילט פֿאַר די אַלע הונדערט פּאַרשוינען וואָס זײַנען נישט געקומען. דאָס איז דער צוגאַנג. איך האָב איבערגעלעבט

דאָס לעבן פֿון יעדעם איינעם, פֿון שור-הבר,לוויתן, רבי אָשר, איך בין אַפֿילו אַרײַנגעקראָכן אין לײַב פֿון דער רביצין פֿאַני, פֿון אַ צווייטער פֿרוי, שׂרה איציקס, פֿון די קינדער, פֿון דעם פֿויגל זיז, פֿון דעם נאַיִוון מיידל, וואָס האָט נישט געוווסט אַז זי גייט שלאָפֿן מיט איר טאַטן ; ס׳איז אַ שרעקלעכע זאַך. איך בין אַרײַן אין גײַסט פֿון רב פֿײַוול טליתוועבער ,וואָס ער איז שוין נישטאָ, נאָר זײַן נשמה שוועבט און לאָזט נישט צו רו אַנדערע מענטשן, און אויך אין רבי אשרס זעונג פֿון דאָנערשטיק אויף פֿרײַטיק; און אין זײַן זעונג איז געקומען אויך דער זעלבער מענטש וואָס איז געווען נאָך לעבעדיק צו יענער צײַט, אָבער ער איז שוין געווען מיט

אויסגעלאָשענע אויגן און האָט געטאַנצט מיט מלאכים, און מיט אַ ווײַס ציגעלע אויף די הענט. דאָס איז אין גאַנצן אַן אַנדער וועלט וואָס אַ נאָרמאַלער, רעאַלער מענטש קען עס נישט זען. צוליב דעם דאַרף מען זײַן אַ שרײַבער אָדער אַ דיכטער, כּדי אַרײַנדרינגען אין וועלטן וואָס רעאַל מיר זעען זיי נישט. אפֿשר זיי עקסיסטירן אָדער זיי עקסיסטירן נישט, מיר ווייסן עס נישט אויף געווי, אויף זיכער. אָבער אויך דאָ. איז דעריבער האָב איך געזאָגט פֿון אָנהייב אַז דער סוזשעט איז געוועבט ווי אַ נעץ: מיר האָבן דעם טונעל וואָס פֿירט פֿונעם קעלער פֿון דער שול; און אונטער דער שול איז געפֿינט זיך נאָך אַ שול וואָס איז אויסגעהאַקט געוואָרן פֿון אַ פֿעלדז פֿאַר די צײַטן ווען, חס וחלילה, וועט עפּעס געשעען, ייִדן זאָלן זיך קענען דאָרט באַהאַלטן; דאָס וואָס מיר זעען נישט, ווײַל זי איז אונטער דער שול, אַ ריזיקע, אַ גרויסע; און פֿון דער פֿאַרבאָרגענער שול פֿירט אַ טונעל קיין ארץ-י שׂראל, קיין צפֿת ; דאָס איז אויך אַ וועלט, ווײַל צום סוף פֿונעם ראָמאַן, ווען רבי אָשר גייט אַראָפּ אין קעלער מיט אַ געדאַנק אַז ער דאַרף דאָרט געפֿינען אויסלייזונג פֿאַר דער גרויסער גײַסטיקער פּראָבלעם (שולד, זינד), וואָס ליגט אויף די עדות וואָס האָבן גערעדט איינער אַזוי דער צווייטער אַזוי, אויף די דינים וואָס האָבן פֿאַראורטיילט לויט זייער וויסן און ס'שטייט געשריבן אַז דאָס זאָל זײַן פֿאַר אַלעמען אַ גוטער בײַשפּיל ווי אַזוי מע דאַרף זיך נישט אויפֿפֿירן, ווײַל ס'וועט ברענגען צו שרעקלעכע זאַכן; און ס'האָט זיך אויסגעוויזן אַז איר שולד איז אפֿשר גרויס, אָבער נישט אַזוי גרויס אַז מע זאָל נעמען דאָס לעבן בײַ צוויי מענטשן. דאָס איז איבערגעטריבן, אַפֿילו אַ ממזר וואָס בלײַבט אַ ממזר אין ייִדישער קהילה. גוט 10 דורות איז ער אַ ממזר. נאָך 10 דורות איז אַלץ אין אָרדנונג. דאָס הייסט 250 יאָר. יאָ, דאָס איז אַ שרעקלעכע שטראָף אין ייִדישן טראַדיציאָנעלן לעבן. אָבער ס'איז נישט שרעקלעכער און נישט געפֿערלעכער פֿון לעבן. איז דעריבער ווען מיר זעען אַז מע האָט פֿאַרמישפּט, נישט ריכטיק, אונד דאָס אַצינד באַווירקט; איך האָב געוואָלט אויך נאָכשפּירן ווי אַזוי די געשעענישן, דער פּלאַסט, און איך האָב ספּעציעל געלעגט בֿענעדיקטן מיט זײַן טאָכטער, מיט קאַטאַרינען, ווײַל יענער פֿאַל האָט צוגעפֿירט צו דעם פֿאַרברעכערישן פֿאַל, צו גילוי-עריות צו אינצעסט, נישט מיט אַ כּוונה, ס'פֿאַרשטייט זיך, דאָס איז אַ צופֿאַל. ווען בֿענעדיקט וואָלט געבליבן אין דער ייִדישער קהילה, מע קען זײַן זיכער אויף הונדערט פּראָצענט אַז דאָס וואָלט נישט געשען, אין גאַנצן נישט. זײַן מאַמעס לעבן איז אומגעריכט

צוגענומען געוואָרן, זײַן לעבן, איך ווײַז נישט אָן אַז ער איז געשטאָרבן צי נישט געשטאָרבן, ער בלײַבט לעבעדיק צי ער בלײַבט נישט לעבעדיק, אָבער מיר זעען אין פֿאַרלויף פֿונעם ראָמאַן אַז ער איז געוואָרן נאָך דעם ווען ער האָט פֿאַרשטאַנען אַז ער איז געשלאָפֿן מיט זײַן אייגענער טאָכטער, איז ער געוואָרן אין גאַנצן אַן אַנדער מענטש. פֿון אָנהייב זעען מיר אַ חמור-אייזל, אַ זשלאָב, און איך באַשרײַב עס אַז אַ מענטש וואָס פֿירט זיך אויף נאָר צו האָבן הנאה פֿון לעבן און טראַכט נישט בכלל וועגן גאָרנישט; ווען ער וואָלט יאָ געטראַכט, וואָלט ער נישט אָנגעמאַכט אַזוי פֿיל קינדער אין די אַלע דערפֿער, ווײַל דאָס איז פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, נישט נאָר צו שלאָפֿן מיט דער פֿרוי, מע דאַרף נאָך דערציִען די קינדער, מע דאַרף מאַכן פֿון זיי מענטשן און ער ווייסט נישט בכלל ווער איז זײַן קינד און ווער איז נישט זײַן קינד. און דאָס האָט צוגעפֿירט צו אַזאַ שרעקלעכן אינצעסט.

דאָס איז די מאָראַלישע זײַט פֿון דעם 2טן פּלאַסט. מיר זעען אַן איבער גאָר נאַיִוו מיידל, וואָס נאָך דעם וואָס איז געשעען, ער האָט זי נישט פֿאַרגוואַלטיקט, אָבער ס'קומט אַ יונג מיידל צו אַזאַ זשלאָב וואָס פֿאַר אים אַ פֿרוי איז אַ שטיק האָלץ און נישט מער פֿון דעם, זי ווערט נאָך העכער, זי איז אַזוי ראָמאַנטיש און נאַיִוו אין אירע געדאַנקען וואָס אַפֿילו נאָך דעם וואָס זי איז אַראָפּגעפֿאַלן, זיך צעבראָכן דאָס און יענס, איר באַציונג צו אים איז ווי צו אַ מאַן, ווי צו אַ קייסער, ווי צו אַ מלך; זי זאָגט אים: איך פֿאַרשטיי אַז דאָס איז נישט גוט, אָבער איך פֿאַרשטיי אַז אַ מלך דאַרף זײַן אַכזריותדיק. נישט צו באַשולדיקן און נישט זוכן אַ קרבן אין אַלץ וואָס איז געשעען מיט איר. דאָס איז די מאָראַלישע, די עטישע זײַט וואָס מיר זעען. און מיר זעען אַז נאָר איין, די נשמה פֿון טַליתוועבער, זי יאָגט נאָך אים דעם גאַנצן וועג איבערן נײַעם ים און זי באַשולדיקט אים: און דאָס איז אויך השפּעה פֿון, איך מיין, די נשמה פֿון רב פֿײַוול, דאָס איז אונדזער עבר, דאָס זײַנען אונדזערע עטישע און עסטעטישע טראַדיציעס, וואָס מיר קענען נישט אָפּוואַרפֿן דאָס מיט איין וואַרף און דאָס איז אַלץ; דאָס איז אונדזער געוויסן, דאָס זײַנען אונדזערע קרבנות, דאָס איז אַלץ, דאָס איז אונדזער היסטאָריע, פֿיזישע היסטאָריע און גײַסטלעכע היסטאָריע, ער באַשולדיקט אים. דאָס איז אויך אַ גרויסער פּלאַסט פֿון די אַלע זאַכן. נאָך איין שיכט וואָס איז פֿאַרבונדן מיט דער משיחישער באַוועגונג, מיטן גלויבן פֿון ייִדן אין משיחס קומען, מיט דער טראַדיציע וואָס איז אין דער לעצטער צײַט, אין דער לעצטער תקופֿה היסטאָרישער ייִדישער

האָט געבראַכט צו אַזוי פּיל בלוט צו אַזוי פּיל קרבנות, צו אַזוי
פּיל פאַרלוירענע נשמות ייִדישע, וואָס איינער פֿון די גרעסטע
רבנים, און גרעסטע ווירסנשאַפּטלער בייַ ייִדן אין 20טן
יאָרהונדערט, רבי מנחם מענדל שניירסאָן, דער לובאַוויטשער
רבי. ער איז געווען שוין נישט געזונט, קראַנק, וואָס איר ווילט,
אָבער ער האָט נישט דערלאָזט אַז מע זאָל פֿון אים מאַכן אַן
אָפּגאָט, משיח, כאָטש ער האָט געהאַט אין זייַן נשמה, אין זייַן
כאַראַקטעריסטיק אַלס אַ מענטש, אַלס אַ קענער, אַלס אַ
געלערנטער, אַלס אַ רבי, אַלס אַ גייַסטלעכער אָנפֿירער, אַלס אַ
כעמיקער, אַלס אַ פֿיזיקער און מאַטעמאַטיקער, אַלס אַ מענטש
וואָס האָט געקענט פּסיכאָלאָגיע, איך ווייס נישט צי ס'איז געווען
כאָטש איין שיכט פֿון מענטשנס טעטיקייט ווו ער וואָלט נישט
געווען אַ קענער פֿון דעם, אי אַ שרייַבער, אי אַ דיכטער, אַלץ, און
אין טעכנישע ענינים; גאָט האָט אים געגעבן אַזוי פּיל, אָבער אויך
ער, ער האָט נישט דערלאָזט, אַז מע זאָל פֿון אים מאַכן אַן
אָפּגאָט. ווייַל מיר האָבן געהאַט אַזוי פּיל בייַשפּילן אין דער
ייִדישער געשיכטע אָנהייבנדיק פֿון פֿריִער; פֿריִער און נאָך דעם
מיט בר כּאָכבאַ וואָס האָט געבראַכט טויזנטער קרבנות ; נאָך
דעם אין פּעריאָד אין גלות טויזנטער פֿאַלשע נביאים, פֿאַלשע
משיחים, נישט דאָ געדאַכט ; שפּעטער האָבן מיר געהאַט אויך אי
דעם יעקב פֿראַנק, שרעקלעך, שטענדיק, דאָס גלויבן פֿון אַ
פּראָסטן מענטשן אין דעם אַז דער און דער איז אַ משיח פֿלעגט
ברענגען בייַ ייִדן צו שרעקלעכע שרעקלעכע רעזולטאַטן, צו
טויזנטער און צענדליקער און טויזנט טויזנט טויטע
אומגעבראַכטע, דאָס איז געווען שרעקלעך, שטענדיק. אָבער
גייַסטלעך צו גלייבן אין בעסערן לעבן, דאָס איז פֿאַרשטענדלעך.
און דאָס איז נאָך איין שיכט: אַז זיי וואַרטן אויף משיחן נישט
פֿאַר זיך פּערזענלעך ווייַל זיי זייַנען מיד; מאָרגן קומט משיח וועלן
זיי זיצן און קנאַקן ניסעלעך, און וועלן עסן און וועלן טאַנצן און
וועלן נישט דאַרפֿן גאָרנישט טון, און זיי וועלן לעבן אייביק, און
די וועלט איז איין סאָד, איין גאָרטן, און די פֿייגל זיי זינגען פֿאַר
זיי, און די מיידלעך טאַנצן פֿאַר זיי, און פֿישלעך, איך ווייס נישט
וואָס, אַלץ איז פֿאַר זיי! ניין. דאָ איז דער טרוים אַז משיח זאָל
קומען פֿאַר די קומענדיקע דורות, פֿאַר אַלץ וואָס וועט קומען,
ווייַל אַלץ וואָס איז געווען האָט געקאָסט אַזוי פּיל בלוט, אַז שוין
גענוג. און יעדער איינער פֿון זיי אויף זייַן אויפֿן, ער גלייבט און ער
וויל אַז וואָס גיכער זאָל קומען די אויסלייזונג פֿאַר אַלע ייִדן און
פֿאַר אַלע מענטשן. דאָס איז נאָך אַ שיכט. און מיר זעען פֿון מיר

אויסגעטראַכטע דיִאַלאָגן, צום בייַשפּיל דעם דיִאַלאָג צווישן רבי יוסף דעללאַ רייִנאַ און דעם מלאך כַּתריִאל: מיר האָבן אַ קלײנעם דיִאַלאָג אַלס אַ מאָטאָ צו אײנעם אַ קאַפּיטל, דאָס איז אויסגעטראַכט. אָבער פֿריִער האָבן מיר אַ רעאַלן רבֿ, אַ גרויסן קאַבאַליסט פֿון מיטל-עלטער, רבי משה קאָרדאָווערא. איך ברענג דאָרט זייַן רעאַלן טעקסט. אַלץ האָט צו טאָן מיט פֿאַרבאָרגענער לערע, מיט אַזעלכע זאַכן וואָס אַ פּראָסטער, אַ פּשוטער מענטש, צי ער ווייסט וועגן דעם נישט צי ער טראַכט וועגן דעם בכלל נישט. און איך ברענג אויך אַ קלײנעם פּסוק פֿון אונדזערע גרויסע רבנים פֿון פֿריִערן מיטל-עלטער, ווײַל די משיחישע באַוועגונג איז געווען אַזוי גרויס, פֿון פֿאַלשע משיחים, וואָס פֿלעגט ברענגען אַזוי פֿיל בלוט, וואָס זיי טראָגן אַרויס אַ ווערדיקט, אַז דער, וואָס וועט באַשטעלן די צייַט פֿון משיחס קומען, ווײַל יעדער אײנער קלוגער, פֿלעגט זאָגן דאָס וועט פֿאָרקומען אין יאָר אַזאַ אַזאַ און אַזאַ, דער צווייטער אַזאַ און אַזאַ און אַזאַ, מע פֿלעגט פֿאַרקויפֿן הײַזער, מיט שַבתאַי צבי ימח שמו וזיכרונו און אַזוי ווײַטער. זיי ברענגען דאָ, איך גיב עס נישט אײן מאָל, אַז דער וואָס באַשטימט די צייַט פֿון משיחס קומען וועט נישט האָבן זייַן חלק אין קומענדיק לעבן. און דאָס איז געווען אַ ווערדיקט, זייער אַ וויכטיקער, ווײַל אויב נישט אַנדערש, מיר וואָלטן הײַנט איך מײן אין גאַנצן וואָלטן מיר נישט געהאַט ייִדן אויף דער וועלט. ווײַל זיי זײַנען געווען משוגע אין גאַנצן. און נאָך דעם פֿלעגט קומען אַ תקופֿה ווען טויזנטער ייִדן זײַנען איסלאַמיזירט געוואָרן, דאָס איז אין איסלאַמישע לענדער; טויזנטער ייִדן האָבן זיך געשמד, אײנע מיט כּוח, צווייטע פֿון זיך אַלײן, ווײַל זיי האָבן שוין געגלויבט אַז דאָס איז אַלץ ; מיר האָבן פֿאַרלוירן אַזוי פֿיל פֿון אונדזער פֿאָלק צוליב אונדזער אייגענער טיפּשות.

אש: נישט נאָר דערפֿאַר.

מפֿ: נישט נאָר, איך פֿאַרשטיי. אין איסטאַמבול צום בייַשפּיל : מע האָט זיי געצווינגט, צי איר גייט אַריבער אין איסלאַם, אויב נישט, מע וועט אײַך מאָרגן אַלע אָפּהאַקן די קעפּ און דאָס איז אַלץ. סכּנות נפֿשות יאָ. אָבער ס'זײַנען געווען טויזנטער און טויזנטער וואָס זײַנען איבערגעגאַנגען, ווײַל זיי האָבן געגלויבט אַז דאָס איז שוין, משיח איז געקומען ; דאָס זעלבע אין פּוילן און אין דײַטשלאַנד און וווּ נישט. און אין רוסלאַנד איז געווען אַ באַוועגונג, טויזנטער און טויזנטער, יאָ דאָס איז אַ פֿאַרפֿירערישע זאַך. איך זאָג נישט אַז אַ מענטש דאַרף נישט האָבן זײַן וועג אין

לעבן, אָבער ווען דאָס טראָגט אַ מאַסן־כאַראַקטער פֿון אַ משוגעת, דאָס איז שוין אַ צווייטע זאַך. און דאָס איז פֿאַרבאָטן. איך ווייס נישט ווי ביַי אַנדערע פֿעלקער, איך האָב עס נישט קאָנטראָלירט, אָבער ביַי יידן דאָס איז שוין אַ מכולה, אַ קרענקהייט, די מאַסן־באַוועגונג, אין גלויבן אין די ווערטער פֿון איינעם, שפּעטער אין צווייטן און דריטן, ס׳קומט איינער וואָס לייגט אַרויף די האַנט און הייבט אָן צו שווימען אין די וואָלקנס און דאָ, און אַלע « היי, היי » און וואַרפֿן זיך נאָך אים אין ים אַריַין, מיטן קאָפּ אַראָפּ מיט די פֿיס אַרויף.יאָ יאָ, דאָס איז שרעקלעך.

אש: ס׳איז אינטערעסאַנט וויַיל קאַנעטי האָט געשריבן אַ וויכטיק בוך וואָס הייסט « מאַססע און מאַכט ».

מפּ: איך האָב אָנגעהויבן לייענען קאַנעטי ; איך האָב באַקומען זיַינע ביכער פֿאַר דעם וואָס איך בין געקומען קיין שוויַיץ. איך האָב אָנגעהויבן לייענען אַ ראָמאַן, « די בלענדונג ». איך האָב געלייענט וועגן זיַין טעאָרעטיש ווערק. צו קאַנעטי בין איך געקומען נאָר אָטאָ טאָ. פֿריִער האָב איך אים נישט געלייענט.

אש: ס׳זיַינען פֿאַראַן מערערע ביכער וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט אָטאָ דער טעמע פֿון מאַסע, למשל אויך פֿון הערמאַן בראָך.

מפּ: אין מיַין ראָמאַן האָב איך נישט געקענט שריַיבן וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעט, אָבער עס האָט יאָ השפּעה. מע זעט. איך האָב זייער מורא פֿאַר די מאַסן־משוגעתן. דאָס איז שרעקלעך. ווען עפּעס אַ געדאַנק אָדער אַ באַוועגונג באַקומט אַ סימן פֿון אַ מאַסן־משוגעת. איז מיר זעען די משוגענע וואָס ריַיסן זיך אויף מיט מענטשן, מיר זעען די משוגענע וואָס שיסן אין בודאַ. ס׳איז אַ מאַסן־משוגעת. מע דאַרף קודם־כּל נעמען דאָס גאַנצע פֿאָלק, מאַכן אים משוגע און נאָך דעם קען מען טון אַלץ וואָס איז אַריַין אין קאָפּ פֿון דעם משוגענעם. און אפֿשר נישט משוגענעם, אָבער נישט נאָרמאַלן מענטש. וויַיל קיינער האָט נישט רעכט צו זאָגן אַז ער האָט רעכט. קיינער נישט. נישט פּרעסידענט, נישט קיין קאָוואַל, קיינער נישט, אַז ער האָט אין זיַינע הענט די פֿאָדעם פֿון יענעמס לעבן. דאָס איז אַלץ. דאָס איז דאָס וויכטיקסטע. דאָס איז דאָס וואָס שטייט אין תנ״ך גליַיך אין 1טן קאַפּיטל. דאָס איז דער אוצר אויף וועלכן די ניַיע ציוויליזאַציע האָט געבויט די ציוויליזאַציע אין דעם געדאַנק אין משך פֿון די

לעצטע 5000 יאָר. און אַז מע קומט נאָך אַ מאָל צו דער זעלבער באַרבערײַ, דערהרגענען איינער דעם צווייטן און נישט פֿרעסן אים מיט די קישקעס אין איינעם, איך מיין אַז דאָס איז נישט דער וועג פֿון אַ מענטשן וואָס האָט עפּעס אויפֿגעטאָן פֿאַר די לעצטע 5000 יאָר אויף דער וועלט. מע דאַרף זיך צוהערן אפֿשר, מע דאַרף זיצן און אויסלייענען דעם מוסר-השׂכּל און געבן אַ טראַכט אויף איין מינוט : מיכאל שטעל זיך אָפּ אויף אַ סעקונד : גיב אַ טראַכט, וואָס איז געווען פֿריִער, צו וואָס זײַנען מיר געקומען, און פּרוּוו עס אַנאַליזירן. און איך האָב געטאָן אַ פּרוּוו אין אַ קינסטלערישער פֿאָרם, נישט וויסנשאַפֿטלעכער, אַנאַליזירן : וואָס האָבן מיר געהאַט, צו וואָס זײַנען מיר געקומען און וואָס איז אונדזער וועג אויף ווײַטער?

אש: דער סוף איז נישט זייער אָפּטימיסטיש.

מפּ: דער סוף איז אין גאָרנישט נישט קיין סוף. ס'איז אומפֿאַרשטענדלעך וואָס איז געשען וואָס איז געשען, וואָס איז מיט די העלדן. נאָר וועגן הערר פֿערענטז ווייסן מיר אַז ער איז אַרויפֿגעלויפֿן אויפֿן צווייטן שטאָק, אין דער ביבליאָטעק, און מער האָט אים קיינער נישט געזען. זײַן גורל איז באַוווּסט. אָבער פֿון אַלע אַנדערע ווייסן מיר נישט, וואָס איז געשען מיט זיי. און איז געבליבן אין דער לופֿטן נאָר אַ פּסוק פֿון אַ תּפֿילה, וואָס איז אומפֿאַרשטענלעך : «צו וועמען איז זי? » « אדושם ימלוך לעולם ועד »: דער אייבערשטער וועט קיניגן אייביק. אָבער איך שרײַב נישט קיין ווערק וועגן דעם אייבערשטן. איך בין נישט קיין רעליגיעזער פֿילאָסאָף און נישט קיין וויסנשאַפֿטלער וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט פֿאָרשן רעליגיע-פּראָבלעמען און רעליגיע-ענינים. מיך אינטערעסירט אין דעם ראָמאַן נאָר די באַציִונגען צווישן מענטשן.

אש: דערפֿאַר איז עס אַ ראָמאַן.

מפּ: נאָר, אַך ורק. און דער טעקסט, ער בלײַבט הענגען אויף פּיזיש. איך וואָלט געקענט פֿאָרטזעצן ביזן סוף, ס'איז געווען פּלאַץ אין דער שורה, אָבער איך האָב עס אַראָפּגעלאָזט אַ ביסעלע נידעריקער און געלאָזט עס עלנט, אַפֿילו פּיזיש, אַפֿילו וויזועל ; איז מע זעט אַז דאָס איז נישט קיין ענטפֿער און ס'איז מער אַ פֿרעגצייכן פֿון דעם וואָס איז און ווו גייען מיר ווײַטער.

אש: איך מיין אַז אַ סך איז וויזועל.

מפּ: דרײַ אָדער פֿיר ערטער האָבן מיר ווו איך האָב געוואָלט עס בויען וויזועל. אין דער קורצער פּאָעזיע אין קאַפּיטל האָב איך עס געבויט ווי אַ דריידל, ווײַל מע דרייט אַ דריידל און מע וויל וויסן דעם גורל. דאָס איז דאָס דריידל, דער פּור וואָס מע וואַרפֿט. און דאָס לעצטע איז צום סוף. פֿאַר דעם אין עטלעכע קאַפּיטעל פֿריִער איז דאָ אויך צוויי זאַצן; איינער פֿון תלמוד : « פיקוח נפֿש דוחה שבת» : אַז ס׳איז לעבנסגעפֿאַר איז אויס שבת. דאָס הייסט כאָטש שבת איז וויכטיקער פֿון אַלץ, אָבער אַ מענטש, פּשוט אַ מענטש איז אַפֿילו וויכטיקער פֿון גאָטס שבת; דאָס איז איינער פֿון די זייער וויכטיקע מענטשלעכע פּאָסטולאַטן אין ייִדישן גלויבן, אַז מענטש איז וויכטיקער פֿון אַלץ. און דער צווייטער זאַץ וואָס גייט דאָרטן הינטן, איך שרײַב אין אַ שיינער ראַם, באַרעמלט, איז אַ פֿאָלקסטימלעכער אין גאַנצן און האָט נישט צו טאָן מיט רבנים, מיט רעליגיעזע און פֿילאָסאָפֿישע געדאַנקען ; אָבער איך מיין אַז דער פֿאָלקסטימלעכער אויסדרוק, געדאַנק, איז אפֿשר מער גרונטלעך; אויב נישט מער, גלײַך אַזוי וויכטיק ווי די רעליגיעזע פּאָסטולאַטן. ס׳שטייט געשריבן: «גלייב אַנדערע מער ווי זיך אַליין און בלײַב אַ מענטש ». דאָס איז מײַן לעבנס-פֿילאָסאָפֿיע און איך האָב זי אַרײַנגעשטעלט דאָרטן, דאָס איז מײַן טעקסט; אָבער דאָס איז מײַן טעקסט וואָס איך האָב אים געהערט פֿון מיליאָנען מענטשן; איך האָב אים פֿאָרמולירט און קאָנצענטרירט אין דער זעלבער סיטואַציע:« גלייב אַנדערע מער ווי זיך אַליין און בלײַב אַ מענטש» איך פֿאַרשטיי, ס׳קען זײַן אַז דאָס איז נאָר מײַן פֿאַנטאַזיע. אָבער איך האָב רעכט אויף אַ פֿאַנטאַזיע אויך.

17 מאַי 2003